בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין...

פ' ויצא
תשע"א







## ✪ א גוטן חודש

ראש חודש כסלו: ברוכים הבאים פאר אלע נייע קינדער וואס זענען אריין געקומען דעם חודש, ווי אויך פאר די אלע וואס זענען שוין גרויס געווארן און זענען ארויס פון די פרי נורסערי ווילן מיר וואונטשן הצלחה און מיר האפן אז איר וועט זיך גוט געפונען אין אייער נייע חדר און איר וועט שטארק הנאה האבן בעזהשי"ת.

די וואך זונטאג און מאנטאג האט מען אנגעצונדן אין קינדערגארטן לכ' ראש חודש אונזער ספעציעלע "ראש חודש טשילא"ר". און צוויי אינגעלעך האבן דאס אנגעצונדן הילד **חיים אברהם'לע ווייס** נ"י און הילד **אברהם הערש לאנדא** נ"י אויך האט מען אויסגעטיילט פאר אלע קינדער צוויי (ווייל ס'איז צווייט טעג ראש חודש) קליינע טשאקלא"ד קוקי"ס לכ' ראש חודש. מיר לערנען זיך שיין צו גריסן ראש חודש "א גוט מארגן א גוטן חודש".

## ✪ דער חלום

אין די וואכעדיגע סדרה דערציילט מיין רבי די חלום פון יעקב אבינו. נו, דארפן מיר דאך זעהן וואס דארט איז פארגעקומען, זענען מיר געגאנגען שפאצירן אין לאנט"ש רו"ם וואו מיר זעהן א גרויסע לייטער פון די ערד ביז די.... מיין רבי לאזט אונז ארויף גיין (פארשטייט זיך ער כאפט אונז אן) דערנאך זעהן מיר אויף די ערד צוועלעף שטיינער ארום געלייגט, מיר לייגן זיך אראפ שלאפן אזוי ווי יעקב אבינו האט, און די חיה'לעך וואס ליגן דארט קענען אונז נישט בייסן, מיר האבן נישט מורא. אזוי האט דער הייליגער באשעפער געזאגט פאר יעקב אבינו אז ער דארף נישט מורא האבן ווייל ער וועט אים אפהיטן.

## ✪ א גרויסע שטיין אויף א ברונעם

דערנאך זענען מיר געגאנגען ווייטער שפאצירן צו א אנדערע פלאץ, דארט דערציילט אונז מיין רבי די מעשה מיט די דריי פאסטוכער וואס האבן נישט געקענט געבן צו טרינקן פאר די שעפעלעך, ווילאנג עס איז אנגעקומען יעקב אבינו און האט מיט די קליינע פינגער אראפ גענומען דעם גרויסן שטיין. מיר זעהן א ברונעם מיט א גרויסע שטיין, מיין רבי לאזט יעדן איינעם פראבירן אויב מ'קען אראפ נעמען די שטיין. און אינטערעסאנט, אפי' מיר קליינע קינדער קענען אויפהייבן אזא גרויס שטיין מיט אונזער קליינע פינגער...
(ששש ס'איז נישט קיין עכטע שטיין...)

## ✪ מזל טוב פון די וואך

**הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב**

פאר המלמד החשוב

**מו"ה יואל זאב שעהר שליט"א**

צום געבורט פון זיין זוהן נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים איר זאלט זעהן נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת פון אלע אייערע קינדערעלך געזונטערהייט עמו"ש

און פאר המלמד החשוב

**מו"ה אברהם שמוא' פריעדלענדער שליט"א**

צום געבורט פון זיין אייניקל נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט עמו"ש

(זעהט אנדערע זייט)

## ✪ א גוטע לעקציע אין בין אדם לחבירו

(מיט דעם רשות פון די מאמע)

**די וואך באקומט דער מנהל א טעלפאן רוף פון א מאמע וואס רעדט זיך שטארק אפ אויפן מלמד. דער געשפרעך איז געגאנגען בערך אזוי.**

**מאמע:** א גוטן דא רעדט..... איך האב געוואלט עפעס דורך שמועסן מיטן מנהל, איך ווייס נישט אויב איך... אפשר וואלט איך נישט געדארפט רופן... נאר איך שפיר אז איך מוז...

**מנהל:** נו, האטס נישט מורא זאגטס וואס איר האט צוזאגן.

**מאמע:** איך בין נישט אזוי צופרידן פון מיין אינגל'ס מלמד, כ'מיין איך וויל אים טוישן צו א אנדערע מלמד.

**מנהל:** אזוי, אדרבה לאזט מיך הערן וואס ס'גייט פאר. אפשר ווען מיר אייך קענען העלפן. זאגט מיר נאר. גייט נישט אייער אינגל פרייליך אין חדר?

**מאמע:** גראדע גייט ער יא צופרידן.

**מנהל:** און וויאזוי קומט ער אהיים?

**מאמע:** דער אמת איז? אהיים קומט ער אויך זייער צופרידן,

**מנהל:** און וואס טוט זיך מיט די סדרה? פארציילט ער עפעס פון חדר?

**מאמע:** עה, נישט קיין סאך, אביסל. אבער דעס קען קען זיין ווייל ער איז א שטילע אינגל, אינדערהיים רעדט ער אויך נישט קיין סאך.

**מנהל:** דעמאלס פארשטיי איך נישט, מיט וואס זענט איר נישט צפרידן? דער קינד זעהט אויס צו זיין צופרידן, דער מלמד לייגט אראפ א גוטע ארבעט ב"ה. נו וואס קען דא זיין דער פראבלעם?

**מאמע:** כ'על אייך זאגן..עמ.. איך שפיר אז דער מלמד געט זיך נישט גענוג אפ מיט די קינדער.

**מנהל:** וואס הייסט? ער קאלערט נישט מיט זיי?

**מאמע:** ניין ח"ו, דעס יא, אבער...

**מנהל:** אבער וואס?

**מאמע:** למשל מיין .... האט די וואך געטראגן א מצוה צעטל אין חדר און דער רבי האט עס אפי' נישט געליינט.

**מנהל:** אזוי? איך זעה דאך כסדר ווי דער מלמד מאכט שטיל אלע קינדער און ליינט הויעך די מצוה צעטליך.

**מאמע:** איך ווייס נישט, ווען מיין .... איז אהיים געקומען האב איך אים געפרעגט אויב דער רבי האט געליינט זיין מצוה צעטל, האט ער געזאגט, ניין... הייסט דאס אז דער מלמד האט זיך גארנישט וויסענדיג געמאכט פון אים, ער האט אפי' נישט געשפירט פאר וויכטיג דאס צו ליינען... איך האלט אז דאס איז א א עוולה פון א מלמד.

**מנהל:** איר זענט באמת גערעכט, און א גרויסן יישר כח פאר רופן, ווייל פונקט נעכטן קומט אריין צו מיר אין אפיס א באס רבי מיט א מצוה צעטל וואס ער האט געטראפן אין באס אויף דער ערד, מיט די נאמען פון אייער אינגל, נאר אזוי ווי עס איז נישט געשטאנען אויפן צעטל די לעצטע נאמען, ליגט דאס נאך יעצט אויף מיין טיש....

## ✪ מעסעדש פון די וואך *(די וויכטיגקייט פון לעיבלס)*

אזוי ווי עס האט זיך שוין ב"ה אנגעהויבן דעם ווינטער אין א מזל'דיגע שעה, ווילן מיר דערמאנען די חשובע עלטערן אז עס איז זייער וויכטיג ארויף צו לייגן א לעבל אויף אלע ווינטער קליידונג צב"ש קאוט, שאל, הענטשוך או"ו, עס איז ווייטאגליך צו זעהן ווי אזויפיל אידיש געלט גייט אין מיסט ווען מ'קען דאס מיט א קלייניגקייט איינשפארן, והתורה חסה על ממונם של ישראל.

# חכמה'לעך

✪

ווען **משה הערש שווארטץ** האט געהערט זונגען די ניגון "געטס אריין א חיות אין א איד" , האט ער זיך צולאכט און געזאגט "ניין! געטס אריין א חיות אין א וואלד"...

✪

ביי שלום עליכם האט **שמוא'לי לאנדא** געפרעגט "פארוואס זינגט מען פון די מלאכים? די וואך דארף מען זינגען פון יעקב און עשו"...

✪

דער רבי דערציילט אז ס'איז געווארן טונקל ווייל די זון איז אראפ, רופט זיך אן **ישראל דוד שווארטץ** "אבער עס קען זיין ליכטיג פון די לבנה"...

✪

ווען דער רבי האט דערציילט אז די שטיינער האבן זיך ארום געקריגט, אויף מיר זאל דער צדיק לייגן זיין קאפ, טענה'ט **לייביש טויב** "קען נישט זיין, שטיינער האבן נישט קיין מויל"...

✪

**משה ארי' פליישמאן** האט א שטארקע טענה, וואס פעלט אויס די גאנצע מחלוקה מיט די בכורה "יעקב קען געבוירן ווערן ערשט און שויך"...

✪

**נפתלי קלמן** זאגט "מען דארף אים אפגיסן די פיס ווייל מ'האט אים געשווירן די פיס נעגל"..

✪

**משה'לע ווייס** זאגט ער "האט צוויי אויגעלעך איינס א ווייסע און איינס א שווארטצע...